# GELIBENE SHRIFEN

Published @ 2017 Trieste Publishing Pty Ltd

ISBN 9780649270743

Gelibene shrifen by  Anton Pavlovich Chekhov

Except for use in any review, the reproduction or utilisation of this work in whole or in part in any form by any electronic, mechanical or other means, now known or hereafter invented, including xerography, photocopying and recording, or in any information storage or retrieval system, is forbidden without the permission of the publisher, Trieste Publishing Pty Ltd, PO Box 1576 Collingwood, Victoria 3066 Australia.

All rights reserved.

Edited by Trieste Publishing Pty Ltd.
Cover @ 2017

This book is sold subject to the condition that it shall not, by way of trade or otherwise, be lent, re-sold, hired out, or otherwise circulated without the publisher's prior consent in any form or binding or cover other than that in which it is published and without a similar condition including this condition being imposed on the subsequent purchaser.

www.triestepublishing.com

ANTON PAVLOVICH CHEKHOV

# GELIBENE SHRIFEN

Trieste

# COLLECTION OF WRITINGS

by

**ANTON CHEKHOV**

Translated into Yiddish by LEON KOBRIN.

Copyright 1911

Hebrew Publishing Company.
New York.

— ניקאָלאַי אילאיטש! — האָט ארויסגעקרעכצט אַליאָשאַ — איהר האָט דאָך מיר געגעבען אייער עהרען־וואָרט?

— נעה, טשעפּע זיך אָפּ! — האָט אַ מאַך געטהאָן מיט'ן האַנד בעליאַיעוו — דאָ רעדט מען פון עפּעס וויכטיגערעס, ווי אָן עהרען־וואָרט. מיך רעגט אויף די פאַלשקייט, דאָס צוויי־פּנים'דיגקייט, דער ליגען!

— איך פערשטעה נישט! — האָט ארויסגערעדט אָלגאַ איוואַ־נאָוונאַ און אין איהרע אויגען האָבען געגלימען בליסטשען טרערען— הער אויס, ליאָלקאַ, — האָט זי זיך געווענדעט צום זוהן: — דו זעהסט זיך מיט דעם פאָטער?

אַליאָשאַ האָט זי נישט געהערט און האָט נור מיט שרעק גע־קוקט אויף בעליאַיעוו'ן.

—עס קען נישט זיין! — האָט געזאָגט די מאַמע — איך וועל געהען אויספרעגען פעלאַגעיאַ'ן.

אָלגאַ איוואַנאָוונאַ איז ארויס פון צימער.

— הערט נור, איהר האָט דאָך געגעבען אייער עהרען־וואָרט! — האָט ארויסגערעדט אַליאָשאַ, ציטערענדיג מיט'ן גאַנצען קערפּער.

בעליאַיעוו האָט אַ מאַך געטהאָן אויף איהם מיט אַ האַנד און האָט ווייטער גענומען געהען הין און צוריק. ער איז געווען שטאַרק אריינגעטהאָן אין זיך, האָט געטראַכט וועגען דער בעליידיגונג און האָט שוין ווידער, אזוי ווי פריהער, ניט בעמערקט דעם אינגעל'ס אנוועזענהייט... איהם, דעם ערוואַקסענעם און ערנסטען מענשען, זיינען אצינד ניט געלעגען אין קאָפּ קיין אינגלאך...

און אַליאָשאַ האָט זיך אוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל און האָט מיט שרעק דערצעהלט סאָניאַ'ן, ווי מען האָט איהם בעטראָגען. ער האָט זיך געטרייסעלט, פאַראיקעט און געוויינט; דאָס האָט ער דעם ער־שטען מאָל אין זיין לעבען זיך געטראָפען פּנים לפּנים מיט פאַלש־קייט, מיט גראָבען ליגען... פריהער האָט ער נישט געוואוסט, אז אויסער זיסע באַרנעס, לעקעכלאַך און גאָלדענע זייגערס, זיינען אויף דער וועלט פאַראַן נאָך אַ סך זאַכען, פאַר וועלכע עס איז אויף דער קינדערשער שפּראַך גאָר קיין נאָמען נישטאָ...

עס האט זיך דערהערט א קלונג. דער אינגעל האט זיך א ריס געטהאָן פון'ם אָרט און איז ארויסגעלאָפען.

אין א מינוט ארום איז אין גאַסט־צימער אריין א דאַמע מיט א קליין מיידעלע — דאס איז געווען אָלגא איוואַנאָוונא, אליאָשאַ'ס מוטער. הינטער איהר, אונטערשפּרינגענדיג, זינגענדיג אויפ'ן קול און מאַכענדיג מיט די הענד, איז נאָכגעגאַנגען אליאָשאַ. בעליאיעוו האט א מאַך געטהאָן צו איהר מיט'ן קאָפּ און ווייטער געגומען ארומ־שפּרייזען.

— גו, יא, אודאי, וועמען אנדערש זאָל מען בעשולדיגען, אז ניט מיך? — האט ער געבורטשעט בייז און ניפּטיג — ער איז גע־רעכט! ער איז דער בעליידיגטער מאַן!

— וועגען וואס רעדסטו?—האט געפרעגט אָלגא איוואַנאָוונא.

— וועגען וואס?... דו הער אָקאָרשט אוים, וואס פאר א שעהנע זאכען דיינער פרעדיגט דאָרטען! עס קומט אוים, אז איך בין א פערדאָרבענער מענש, א מערדער, איך האב רואינירט אי דיך, אי די קינדער. אַלע זייט איהר נעבאך אונגליקליכע, נור איך בין געוואלדיג גליקליך! געוואלדיג, געוואלדיג גליקליך!...

— איך פערשטעה נישט, ניקאָלאַי! וואס איז געשעהען?

— אָט דו הער אוים דיעזען יונגען מאַן! — האט געוואָגט בע־ליאיעוו און אָנגעוויעזען אויף אליאָשאַ'ן.

אליאָשאַ איז געוואָרען רויט, דערנאָך בלייך, און זיין גאַנצער פנים האט זיך גענומען טרייסלען פאר שרעק.

— ניקאָלאַי איליאיטש! — האט ער אין דער הויך ארויסגע־שעפּטשעט — ש־ש־ש!

אָלגא איוואַנאָוונא האט פערוואונדערט א קוק געטהאָן אויף אליאָשאַ'ן, אויף בעליאיעוו'ן, דערנאָך ווייטער אויף אליאָשאַ'ן.

— פרעג אָקאָרשט! — האט ווייטער גערעדט בעליאיעוו — דיין פעלאגעיא, די כשרה בהמה, פיהרט זיי ארום איבער די קאָנדי־טאָרייען און ברענגט זיי דאָרט צוזאמען מיט זייער פּאַפּינקען. אבער נישט דאס בין איך אויכען, די זאך איז די, וואס דער פּאַפּינקע איז א מאַרטירער, און איך בין א רויבער, א לומפּ, וועלכער האט צובראָ־כען ביידענס לעבען...

— הם... נו, און... הער נור אויס, וועגען מיר רעדט פּאַפּאַ גאָר־ נישט?

— וועגען אייך? ווי זאָל איך אייך זאָגען?

אליאָשאַ האט פאַרשעמענדיג א קוק געטהאָן בעליאַיעוו'ן אין פּנים אריין און א רדיק געטהאָן מיט די אַקסלען.

— קיין בעזונדערעס רעדט ער נישט.

— צום ביישפּיעל, וואס זאגט ער?

— און איהר וועט זיך ניט בעליידיגען?

— נו, נאָך א נייעס! ער זידעלט מיך דען?

— ער זידעלט נישט, נור ווייסט איהר... ער איז אין כעס אויף אייך. ער זאָגט, אז איבער אייך איז די מאַמע אונגליקליך, און אז איהר... האט רואינירט די מאַמען. ער איז דאָך עפּעס א מאָדנער! איך ערקלער איהם, אז איהר זייט א גוטער, איהר שרייט קיין מאָל נישט אויף דער מאַמען, און ער שאָקעלט נור מיט'ן קאָפּ.

— און ער זאָגט טאַקע, אז איך האב זי רואינירט?

— יא. אבער איהר, ניקאָלאַי אילאַיטש, דאַרפט זיך ניט בע־ לײדיגען!

בעליאַיעוו האט זיך אויפגעהויבען, איז א ווײלע געשטאַנען און געגומען געהען איבער'ן גאַסט־צימער.

— דאס איז אי מערקווירדיג, אי קאָמיש!.... — האט ער גע־ נומען בורטשען, דריקענדיג מיט די אַקסלען און שמייכלענדיג שפּאָ־ טיש — אליין איז ער אין גאַנצען שולדיג און מיך מאַכט ער פער־ אַנטוואָרטליך, איך, הייסט עס, האב זי רואינירט... נישקשה, כ'לעבען! וואס פאר אן אונשולדיגע שעפּעלע ער איז דאס. איז, הייסט עס, זאָגט ער דיר טאַקע אַט אזוי אָהן קינצען, אז איך האב רואינירט דיין מאַמען?

— יא, אבער.... איהר האט דאָך געזאָגט, אז איהר וועט זיך ניט בעליידיגען!

— איך בעליידיג זיך נישט און... און דאס איז איבערהויפּט נישט דיין עסק! ניין, דאָס איז... דאָס איז דאָך קאָמיש! איך בין אריינגעפאלען, ווי א האָהן אין ראָסעל, און צום סוף בין איך נאָך דער שולדיגער!

— און װעגען װאס רערט איהר דאָרט?

— מיט דעם פאפאַ? װעגען אלעס. ער נעהמט אונז ארום, קושט אונז, דערצעהלט פערשיערענע קאָמישע װיצען. װייסט איהר, ער זאָגט, אז װען מיר װעלען אױסװאַקסען, װעט ער אונז נעהמען צו זיך. סאָניא װיל נישט און איך בין צופריערען. געװיס, איך קען נישט זאָגען, אָהן דער מאַמען װעט אודאי זיין אומעריג, אבער איך װעל דאָך איהר שרייבען בריעף! און אויסער דעם, װעט מען דאָך יום־טוב צייט קענען קומען צו איהר מיט א בעזוך — ניט אמת? און נאָך זאָגט דער פאפא, אז ער װעט מיר קויפען א פערד. ער איז דער בעסטער מענש אויף דער װעלט! איך פערשטעה גאָרנישט, פאר־װאס די מאַמע רופט איהם ניט צו זיך און פארװאס זי פארװעהרט אונז זיך מיט איהם צו זעהן. ער האָט דאָך אזוי ליעב די מאַמען. שטענדיג פרעגט ער אונז װאס זי מאַכט, װי זי פיהלט, װאס זי טהוט? װען זי איז געװעזען קראַנק, האט ער זיך געכאַפט פאר׳ן קאָפּ אָט אזוי אַ און... און גענומען ארומלויפען איבער׳ן צימער, לויפען, לויפען... ער בעט זיך אלץ ביי אונז, מיר זאָלען זי פאָלגען, פאר איהר דרך ארץ האבען. הערט אויס, איז דאס טאַקע אמת, אז מיר זיינען אונ־גליקליכע?

— הם... פארװאס עפּעס?

— דאס זאָגט דער פאפא אזוי. איהר, זאָגט ער, זייט נעבאָך אונגליקליכע קינדער. כ׳איז עפּעס מאָדנע איהם צו הערען רערען. איהר, זאָגט ער, זייט אונגליקליכע, איך בין אן אונגליקליכער און די מאַמע איז אן אונגליקליכע. בעט צו גאָט, זאָגט ער, אי פאר זיך, אי פאר איהר.

אליאָשא האט געװאָרפען א בליק אויף דעם אויסגעשטאָפּטען פויגעל און האט זיך פארטראַכט.

— אזוי, אזוי... — האט ארויסגעברומט בעליאיעװ — הייסט עס, אז אזוינע חברה־לייט זייט איהר. האלט נאָר אָב קאָנגרעסען אין די קאָנדיטאָרייען. און די מאַמע װייס פון גאָרנישט?

— ניין, ניין... פון װאַנען זאָל זי װיסען? פעלאַגעיא װעט דאָך בשום אופן ניט זאָגען. און אייערנעכטען האט אונז דער פאפא טראַק־טירט מיט בארנעס. זיסע אזעלכע װי איינגעמאַכטס! גאַנצע צװיי האָב איך אויפגעגעסען.

פּנים נאָך זעה איך דאָך, אז דו זאָגסט ניט די וואהרהייט. האָסטו זיך שוין איין מאָל אויסגערעדט, איז פּערפּאַלען. דער רעדהען צוריק וועט דאָ נאַרנישט העלפען. אַלזאָ זאָג, דו זעהסט איהם? זאָג מיר, ווי א פריינד!

אַליאָשאַ האט זיך פארטראכט.

— און איהר וועט נישט דערצעהלען דער מאַמען? — האט ער געפרעגט.

— נו, גאָר א נייעס!

— עהרען־וואָרט?

— עהרען־וואָרט.

— שווערט זיך!

— אַך, וואס פאר אַן אָנשיקעניש! ווער, דענקסטו, בין איך?

אַליאָשאַ האט זיך ארומגעקוקט מיט גרויסע, צושראָקענע אויגען און גענומען שעפּצען:

— נור אום גאָטעס ווילען, זאָגט נישט דער מאַמען!... זאָגט איבערהויפּט קיינעם נישט, ווייל דאס איז א געהיימניס. זאָל גאָט אויסהיטען, אז די מאַמע זאָל זיך דערוויסען, דאַן וועל איך קריעגען א גאָב און סאָניע, און פּעלאַגעיע... נו, הערט אויס. איך און סאָניע זעהען זיך מיט דעם פּאַפּאַ יעדען מאָנטאָג און פרייטאג. ווען פּע־לאַגעיאַ פיהרט אונז פאר מיטאג שפּאַצירען, געהען מיר אריין צו אַפּפעל'ן אין קאָנדיטעריי און דאָרט זיצט שוין דער פּאַפּאַ און ווארט אויף אונז. ער זיצט אַלע מאָל אין א בעזונדער צימערל, אָט דאָרט, ווייסט איהר, וואו עס געפינט זיך עפּעס א מאַרמאָרנער טישעל מיט א טעצעל פאר אַש, וואס זעהט אוים, ווי א גאַנז אָהן א רוקען...

— וואס־זשע טהוט איהר דאָרט?

— גאָרנישט!

— אפריהער בעגריסען מיר זיך, דערנאָך זעצען מיר זיך אַלע ארום טישעל, און פּאַפּאַ נעהמט אונז מכבד זיין מיט קאפּע און לע־קאַכלאָך. ווייסט איהר, סאָניאַ עסט לעקאָך מיט פלייש, און איך קען עס ניט אָנקוקען מיט פלייש! איך ליעב עס מיט קרויט און מיט אייער. מיר עסען זיך דאָרט גוט אָן, און דערנאָך, אז מיר קומען אַהיים צו מיטאָג, מוזען מיר ווידער עסען וואס מעהרער, אום די מאַמע זאָל נאָרנישט בעמערקען.

— פארוואס ?

— זעהר איינפאַך ! פריהער האב איך מיט סאָניען זיך געלער־רענט נור מוזיק און לייענען, און אצינד ניט מען אונז ארויס פראנ־צויזישע גערייכטע אויך. האט איהר זיך ניט אבגעשאָרען ?

— יא. ניט לאנג.

— אזוי איז דאס, הייסט עס, רעדפאר בעמערק איך דאס. דאס בערדעל ביי אייך איז קורצער געוואָרען. ערלויבט מיר זי א ציה טהאָן... עס טהוט נישט וועה ?

— ניין, עס טהוט נישט וועה.

— פארוואס איז עס, אז דו ציהסט פאר איין האאר, טהוט וועה און אז דו ציהסט פאר א סך האאר, טהוט א קאָפּ אויך ניט וועה ? כא־כא־כא ! ווייסט איהר, איהר האט געדארפט טראָגען באקען־בארדען. אָט דאָ־אָט אבגעגאָלען, און פון די זייטען... אָט דאָ־אָ איבערלאָזען די האאר...

דער אינגעל האט זיך צוגעדריקט צו בעליאיעוו׳ן און גענומען שפיעלען מיט זיין קייטעלע.

— ווען איך וועל אריינטרעטען אין גימנאזיע — האט ער גע־רעדט — וועט מיר די מאמע קויפען א זייגעריל. איך וועל איהר בעטען, זי זאָל מיר קויפען אזא קייטעלע, ווי אייערע... וואס פאר א מע־דא־ליאָן ! דער פאפּא האט פונקט אזא מעדאליאָן, מעהר נישט ביי אייך זיינען דאָ פּאסקעלאך און ביי איהם בוכשטאבען... און מי־טען איז ביי איהם אריינגעשטעלט דער מאמע׳ס בילד. ביים פאפּא איז איצט דאָ אן אנדער קייטעלע, ניט מיט רינגעלאך, נור מיט א שטיינגע...

— פון וואנען ווייסטו ? דו זעהסט דען דעם פאפּא ?

— איך ? הם... הם... ניין ! איך ?...

אליאָשא איז רויט געוואָרען און א צומישטער, וואס מען האט איהם געכאפּט ביי א ליגען, האט ער מיט גרויסער התמדה גענומען קראַצען מיט די נעגעל דעם מעדאליאָן. בעליאיעוו האט איהם שארף א קוק געטהאָן אין פנים אריין און געפרעגט :

— דו זעהסט דעם פאפּא ?

— נ־ניין !...

— ניין, דו בעסער זאָג דעם אמת, אויף דיין וואָרט... נאָך דיין